- נערך באידיש -

בס"ד

# יקרא דמלכא

## שיחות התחזקות והתעלות

שנאמרו ע"י

**כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

## לבחורי חמד

מאמר א'

**השראת השכינה און ביטול הרע בשעת'ן ליל הסדר**

מאמר ב'

**די גרויסע לעכטיגקייט פון יו"ט פסח**

יו"ל ע"י

**מכון שפה ברורה**

**שע"י חסידי קאסוב**

חג הפסח שנת תשפ"ג לפ"ק

- גליון כד -

## כל הוצאת עריכת והו"ל של הגליון

נתנדב ע"י ידידינו היקר שביקרים האברך החשוב
הנכבד והמפואר, איש האשכולות העושה גדולות,
ירא ושלם המוכתר בכל מעלה ותואר, בעל מדות
תרומיות מפורסם לשם ולתהלה בפי ישרים,

# כש"ת מו"ה **אהרן גרויז** הי"ו

זכות הפצת הני דברי תורתו של כ"ק אדמו"ר שליט"א
יגן בעדיו שיתברך בכל מעשי ידיו בשפע ברכה והצל-
חה בכל עסקיו, וימצא חן וחסד בעיני אלקים ואנשים
בכל חפציו מתוך עושר ואושר כל ימי חייו

---

וע"י ידידינו היקר שביקרים, מופלא ומופלג בכל המעלות
ובעל מידות תרומיות ומוזהבות,

## הרוצה בעילום שמו

לעילוי נשמת
הרה"ח מו"ה **משה יהודה** בן **צבי** ע"ה
וזוגתו מרת **חוה** בת **שמואל** ע"ה
מרת **לאה** בת **יקותיאל יהודה** ע"ה
והרה"ח מו"ה **אברהם אהרן** בן **מנחם מענדל** ע"ה

זכות הפצת הני דברי תורתו של כ"ק אדמו"ר שליט"א יגן בעדיו שיתברך בכל מעשי ידיו
בשפע ברכה והצלחה בכל עסקיו, וימצא חן וחסד בעיני אלקים ואנשים בכל חפציו
מתוך עושר ואושר כל ימי חייו

---

הלימוד בגליון הלז
**יהיה לזכות רפואתו השלימה והמהירה של**
**מרן רבינו שרגא פייביש בן מלכה שליט"א**
בתוך שאר חולי ישראל

**כל הזכויות שמורות**

להערות והארות או לקבל הגליון מדי שבוע בשבוע ע"י e-mail
יש לפנות להמערכת
במס' 917-686-5892
או אל toraskosov@gmail.com

נערך ונסדר ע"י:
ישר
Publishing & Production
718.484.2189

# השראת השכינה און ביטול הרע בשעת'ן ליל הסדר

## ליל התקדש חג

מען גרייט זיך שוין צום ליל התקדש חג, דער גרויסער יום טוב פסח הממשמש ובא עלינו לשלום, און מען זעט אין אלע ספרים הקדושים די הייליגקייט און גרויסקייט פון די נאכט פון ליל הסדר, יעדע ספר לויט זיין בחינה ברענגט ארויס די מורא'דיגע צייט פונעם ליל הסדר.

אין די ספרים הק' ווערט געברענגט אז פסח ווערט אנגערופן 'זמן חירותינו', וואס דאס איז א לשון פון 'חרות' - איינגעקריצט[א], דער יום טוב פסח ווערט איינגעקריצט אין די הארץ פון יעדע איד, עס ווערט איינגעקריצט אין די נשמה פון יעדע איד. אזוי אויך ווערט געברענגט פון צדיקים אז פסח ביינאכט ווערט אנגערופן 'ליל הסדר', וויבאלד עס איז דער 'סדר' פון א גאנץ יאר, און די נאכט איז משפיע א ליכטיגקייט און שפע פאר די גאנצע יאר.

דעריבער וועט מען בס"ד אביסל מסביר זיין און ערקלערן די עומק הכוונה פון די ליל הסדר, און וואס איז אונזער עבודה וואס עס פאדערט זיך פון אונז ביים ליל הסדר. און וואס אונז דארפן ארויסנעמען פונעם ליל הסדר.

---

א אזוי ווי מען געפונט דער לשון הפסוק (שמות לב, טז) 'חרות על הלוחות'. (כמבואר בספה"ק בית אהרן מהרה"ק רבי אהרן הגדול מקארלין זי"ע, ועוד).

> **"אין יענע רגע פון יציאת מצרים, האט דער אויבערשטער אויפגעהויבן כלל ישראל צו די העכסטע מדריגה וואס איז שייך, זיי האבן זוכה געווען צו א מורא'דיגע אור און התקרבות אלוקית, און זיי זענען שפעטער געווען די 'דור המדבר' וואס איז געווען די העסטע דור וואס עס איז נאר אמאל געווען"**

## די שפל המצב אין גלות מצרים

עס שטייט אין די ספרים הקדושים, אז כלל ישראל זייענדיג אין גלות מצרים זענען געפאלן צו די נידריגסטע שערי טומאה, זיי האבן שוין געהאלטן ממש פארן אריינפאלן אין די מ"ט שערי טומאה, שטייענדיג ביי א מצב פון שפל שבשפלים[ב].

און אין יענע רגע פון יציאת מצרים, האט דער אויבערשטער אויפגעהויבן כלל ישראל, און זיי דערהויבן צו די העכסטע מדריגה וואס איז שייך, זיי האבן זוכה געווען צו א מורא'דיגע אור און התקרבות אלוקית, און זיי זענען שפעטער געווען די 'דור המדבר' וואס איז געווען די העסטע דור וואס עס איז נאר אמאל געווען. די 'דור המדבר' זענען ארויס פון מצרים, געזען קריאת ים סוף, און געשטאנען ביי מתן תורה, זיי האבן דערגרייכט מורא'דיגע מדריגות וואס קיינער האט קיינמאל נאכנישט משיג געווען.

ב אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין די ספרים הק' (ראה בבני יששכר מאמרי חודש ניסן מאמר ד' דרוש א', ועוד הרבה), וראה בסידור האריז"ל לר' שבתי (הגדה של פסח, פיסקא מצה זו שאנו אוכלין וכו') שכתב וז"ל, יש נ' שערי טומאה, ואם היו ישראל מעוכבים רגע אחד לא יצאו לעולם והיו נשקעים בשער הנ' וכו' עיי"ש. ועיין עוד בספר חסד לאברהם (מעין ב' נהר נ"ו) וז"ל, ודע שיש מסורת קבלה ביד רבותינו ז"ל, שישראל נתלכלכו כל כך בשיקוצי מצרים עד שבערב פסח נכנסו בהיכל מ"ט, שאם ח"ו היו מתעכבים יותר היו נכנסין בהיכל נ', ושוב לא היה להם תקנה עולמית, וזהו סוד ואלו לא הוציא הקב"ה את אבותינו משם עדיין אנו ובנינו ובני בנינו משועבדים היינו לפרעה במצרים, ולכן נכתב נ' פעמים יציאת מצרים בתורה, מספר כתיבת יד ע"כ. וראה גם בספר פני דוד להחיד"א ז"ל (פרשת שמות אות י"ב) שכתב ד'טמא' בגימטריא נ', ואם היו נשארים עוד היו נופלים לשער הנ' והיו מוחלטים לטומאה ח"ו, עיי"ש.

און דאס אלעס רעדט מען פון אידן וואס האבן שוין געזינקען אין די מ"ט שערי טומאה, שטייענדיג ממש ביים שוועל פון ארייַנפאלן אין די נ' שערי טומאה, זייענדיג ליידיג און אפגעזונדערט פון מצות, און איינגעטינקן אין טומאת מצרים, און זיי זענען דערהויבן געווען צו מורא'דיגע השגות און מדריגות, וואס מען קען זיך בכלל נישט פארשטעלן.

אבער כלל ישראל איז נישט געבליבן ביי די מורא'דיגע מדריגות וואס זיי האבן דעמאלטס משיג געווען, זיי האבן אלעס פארלוירן, און אנגעהויבן צו ארבעטן פון דאסניי כדי דאס צו דערגרייכן מיט די עבודה פון ימי הספירה, און דעמאלטס האבן זיי געארבעט אנצוקומען צו די מדריגות וואס זיי האבן דעמאלטס משיג געווען בשעת יציאת מצרים, און אזוי האבן זיי זיך געגרייט צו קבלת התורה[ג].

---

ג ראה בארוכה במאור ושמש (פרשת יתרו, ד"ה ע"כ נראה לי לפרש) וז"ל בא"ד, מה עשה הקדוש ברוך הוא שֶׁחָפֵץ חֶסֶד הוּא, אזי בפעם ראשון שמתעורר לב אדם בתשובה - אזי מאיר לו הקדוש ברוך הוא הארה גדולה עד מאד שנפל עליו התעוררות גדול מאד, וזהו הנותן יד לפושעים, אבל הארה זו מיד נשכח ממנו ונסתם ממנו, כדי שיחפש ויחקור מעצמו על ידי תורה ותפלה ומעשים טובים על ידי בחירה ורצון. וכל מה שהולך אדם בעבודה יותר, נתגלה לו יותר מה שהיה לו בהשקפה ראשונה שהאיר לו הבורא יתברך.

**וזהו** שאיתא בספר רוקח שאין חוזק בחסידות כתחילתו, רצה לומר, שבתחילת החסידות מראה לו הקדוש ברוך הוא הארה גדולה, אבל אחר כך נסתם ממנו זאת ההארה עד שצריך לבקש אחריה היטב, לחזור לחסידות הראשון שהתחיל. וזהו נקרא בכתבים 'גדלות ראשון', רצה לומר שהקב"ה מאיר מעצמותו לבן אדם אלקותו יתברך. ואחר כך בא אדם לקטנות הַשֵּׂכֶל - שנסתם ממנו השכל הראשון, ואחר כך צריך התאמצות רב לבוא לשכל הקדום ולהשתוקקות שהיה לו בהתחלה.

**וכן** היה מתנהג הבורא ברוך הוא עִם ישראל ביציאת מצרים, בתחלה בליל ראשון של פסח האיר להם הקדוש ברוך הוא הארה גדולה התגלות אלהותו יתברך שמו, שהאיר להם חמשים שערי בינה כמבואר בספרים, ויצאו ממצרים בחשק גדול מִשְׁאֲרֹתָם צְרֻרוֹת בְּשִׂמְלֹתָם, מחמת הבהירות הגדול שהאיר להם השי"ת הארה גדולה - יצאו באמונה רבה ובטחון גדול בהשי"ת, ואחר כך מיד נסתם מהם אותו הארה ונפלו מאותו הארה כמה פעמים עד שהיה להם הכנה רבה ומסירות נפש על הים. ואחר כך גם כן היה להם הכנה מעט מעט ונפלו כמה פעמים מאמונה דהיינו במלחמת עמלק וגם שאר ענינים.

**רק** מחמת שהיה להם בהירות גדול בליל ראשון - אזי בכל עת נפילתם הזכירו

## די מורא'דיגע כוחות פון א מענטש

די זעלבע נקודה טרעפט מען אין די ספרים הק', וואס ערקלערן די זעלבע ענין בשעת ווען דער אויבערשטער האט באשאפן אדם הראשון, האט דער אויבערשטער אריינגעלייגט אין אדם הראשון מורא'דיגע כוחות און מדריגות, אבער צוגלייך האט דער אויבערשטער באשאפן דער מענטש קליין און שוואך וואס דארף ארבעטן אנצוקומען צו זיינע מדריגות און זיך מתגבר זיין אויף זיינע נסיונות[ד].

און עס איז נישט קיין סתירה די צוויי זאכן, ווייל די גרויסע כוחות וואס דער מענטש פארמאגט ליגט באהאלטן אין אים, און דורכדעם וואס דער מענטש וועט ארבעטן וועט ער קענען ארויסברענגן די כוחות פון זיך.

און דאס האט דער אויבערשטער געוויזן פאר אדם הראשון, וואס ער האט אים צוערשט באשאפן מיט מורא'דיגע כוחות און השגות מיט א צלם אלקים, ער איז געווען א 'נשמה כוללות', ער האט פארמאגט אין זיך די נשמה פון יענע מענטש אויפן וועלט, און ער האט געקענט זען מסוף העולם ועד סופו, זייענדיג אין גן עדן, און נהנה זיין מזיו השכינה, אבער מצד שני נאך די חטא עץ הדעת, האט ער פארלוירן זיינע מדריגות, אבער עס איז געבליבן אין אים, אז ער קען דאס ארויסברענגן פון זיך דורכן ארבעטן.

---

עצמן גודל בהירות שהיה להם בפעם ראשון, דהיינו חוזק החסידות של התחלה, אזי זה היה התחזקותם שהיו יכולים לעורר עצמם בכל עת נפילתם לחזור לאמונתם הראשון עד שבאו למתן תורה וכו', עכ"ל.

ד ובענין זה ראה מש"כ בזה בילקוט מעם לועז (פרשת בראשית, פרק ו') וז"ל, וריב גדול זה בתוך האדם הוא בלי הפסק, הדומה לשני לוחמים המתגוששים זה עם זה ואין לדעת מי המנצח עד יום מותו וכו', אם זה היה כדי לעבוד את ה' אז הוא חשוב יותר מן המלאכים כי אע"פ שאכל ושתה והתלבש לא היתה לו הכונה עבור עצמו, אבל אם נצחו היצר הרע וילך אחרי הרע שבעולם הרי הוא יותר גרוע מן החיות שהרי להם אין חכמה ולא נשמה כדי לידע מעשה הטוב ואין להם העצה של האדם שיש לו נפש קדושה וכו', עכ"ל.

## חובת האדם בעולמו

דאס איז די עבודה פון א איד אויפן וועלט, צו ארבעטן אויף זיך און צו דערגרייכן מדריגות און השגות אין התקרבות השי"ת, און ווערן העכער פון זיינע גשמיות'דיגע תאות און נטיות. עס איז טאקע נישט קיין לייכטע ארבעט, עס פאדערט זיך גרויסע און שווערע כוחות, וויבאלד דער אויבערשטער האט באשאפן אינעם מענטש כוחות וואס שלעפן אים צו ביידע זייטן.

אבער דער אויבערשטער האט שוין אויך אויסגעשטעלט די סדר העבודה, דער אויבערשטער האט שוין אריינגעלייגט די כוחות אינעם מענטש, עס ליגט באהאלטן אינעווייניג אין אים, ער פארמאגט אין זיך די אלע הויכע מדריגות, און דער מענטש דארף נאר ארבעטן דאס ארויסצוברענגען פון זיך.

דער ענין ווערט געברענגט אויף א טיפערע מהלך פונעם הייליגן 'לשם' זצ"ל, עס איז דאך ידוע אז דער מענטש פארמאגט אין זיך ד' יסודות, אש, מים, רוח און עפר, אש איז די מערסטע נוטה צו רוחניות, און עפר איז די מערסטע נוטה צו גשמיות. אבער דער לשם ערקלערט אז בפנימיות הענין, איז 'עפר' די מערסטע רוחניות פון די ד' יסודות, אסאך מער פון אש.

**"דער אויבערשטער האט שוין אריינגעלייגט די כוחות אינעם מענטש, עס ליגט באהאלטן אינעווייניג אין אים, ער פארמאגט אין זיך די אלע הויכע מדריגות, און דער מענטש דארף נאר ארבעטן דאס ארויסצוברענגען פון זיך"**

דער פשט דערפון איז, אז דאס גופא איז די סתירה וואס דער מענטש פארמאגט שטענדיג אין זיך, מצד אחד פארמאגט ער א גוף וואס שלעפט אים אראפ צו תאות און צו חומריות, אבער מצד שני פארמאגט ער אין זיך מורא'דיגע העכערע כוחות וואס שלעפן אים ארויף צו רוחניות.

דעריבער האט ער די עפר וואס בחיצוניות הענין שלעפט אים דאס אראפ צו די וועלט, עפר מן האדמה, אבער בפנימיות האט די עפר

א מורא'דיגע נטי'ה צו רוחניות, און דער מענטש פארמאגט אינערליכע כוחות, וואס דורך זיין עבודה קענען ער דאס אויפהייבן און דערהייבן צו רוחניות.

## גילוי השכינה בשעת יציאת מצרים

ווען עס איז געקומען די צייט ארויסצונעמען כלל ישראל פון מצרים, האט דער אויבערשטער אליינ'ס געדארפט אראפקומען אויסלייזן כלל ישראל, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק[ה], **וְעָבַרְתִּי בְאֶרֶץ מִצְרַיִם בַּלַּיְלָה הַזֶּה**, און חז"ל דרש'ענען דערפון[ו], אני ולא מלאך, אני ולא שרף, אני ולא שליח, אני ה' - אני הוא ולא אחר, דער אויבערשטער כביכול אליינ'ס האט געדארפט אראפגעקומען קיין מצרים.

דער הייליגער 'לשם' זצ"ל איז מסביר, עס איז נישט פשט אז דער אויבערשטער איז אראפגעקומען כדי צו באשטראפן די מצרים, נאר וויבאלד כלל ישראל איז געווען אויף אזא נידריגע מדריגה, און דער אויבערשטער האט זיי געוואלט אויפהייבן און זיי דערנענטערן צום אים, האט אויסגעפעלט אז עס זאל אראפקומען א מורא'דיגע הארה פון הימל וואס דאס זאל אריינשיינען אין די נשמה פון יעדע איד, אזוי וועלן זיך קענען ארויסזען פון די טומאת מצרים.

און וויבאלד כלל ישראל איז שוין געווען פארזינקן אזוי נידריג איז נישט געווען גענוג עס זאל אראפקומען א מלאך אדער שליח פונעם אויבערשטן, דאס וואלט נישט געווען גענוג, נאר עס האט אויסגעפעלט, אז דער מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, דער אויבערשטער אליינ'ס בכבודו ובעצמו זאל אראפקומען און אריינשיינען אין די הערצער פון אידישע קינדער.

---

ה שמות יב, יב.

ו מכילתא פרשת בא, פרק ז'. וכמו שהביא בעל ההגדה.

אזוי איז טאקע געווען, ווען דער אויבערשטער איז אראפגעקומען פסח ביינאכט אין מצרים, האט אויפגעשיינט א מורא'דיגע לעכטיגקייט, די גאנצע חושך פון טומאת מצרים איז פארשווינדן געווארן, די הארץ פון יעדע איד האט אנגעהויבן ארויסצושיסן פנימיות הלב, מיט א אהבה און דביקות צום אויבערשטן, און טראץ וואס מען איז שוין געווען אינעווייניג אין די שערי טומאה, און מען האט שוין געהאלטן ביים שוועל פון פארפאלן ווערן אין די נ' שערי טומאה, אלעס האט אנגעהויבן צו ציען צו התקרבות צום באשעפער.

**"ווען דער אויבערשטער איז אראפגעקומען פסח ביינאכט אין מצרים, האט אויפגעשיינט א מורא'דיגע לעכטיגקייט, די גאנצע חושך פון טומאת מצרים איז פארשווינדן געווארן, די הארץ פון יעדע איד האט אנגעהויבן ארויסצושיסן פנימיות הלב, מיט א אהבה און דביקות צום אויבערשטן"**

אזוי ווייט איז עס געגאנגען, אז די גרויסע הארה וואס האט דעמאלטס אריינגעשיינט אין כלל ישראל, דורכדעם וואס דער אויבערשטער בכבודו ובעצמו איז אראפגעקומען, האט ממש מבטל געווען די גאנצע רע וואס איז פארהאן אויפן וועלט, עד כדי כך דער אויבערשטער האט כביכול געמוזט באשאפן א פרישע 'רע', כדי די וועלט זאל קענען ווייטער אנגיין.

## די הארה פארטרייבט די קליפות

און דער ענין איז זייער נוגע ווען א מענטש וויל ארבעטן אויף זיך אויף א געוויסע מדה, כדי ער זאל האבן די כוחות זיך צו מתגבר זיין אויף די תאוה וואס שלעפט אים אראפ, דארף ער זיך מתדבק זיין אינעם אויבערשטן, וויבאלד א מענטש ווערט געשטערט פון דאווענען און לערנען, דורך די דאגות וואס שטערן זיינע מחשבות, און זיינע תאות וואס שלעפן אים אראפ. וואס דאס איז פשט אז די קליפה איז שולט אויפן מענטש, און האט א שליטה אים צו שטערן פון זיין עבודת ה'.

און עס איז גורם אז דער מענטש זאל זיך נישט קענען מצמצם זיין און דינען דער באשעפער, און טון די עבודה וואס ער האט צו טון.

## די בעסטע עצה אריינצושיינען ליכטיגקייט אין די מענטש איז נאר דורך לימוד התורה

די אופן ווי אזוי מען ווערט דבוק אין באשעפער, איז דורכן נעמען א רוחניות'דיגער זאך, א געוויסע מצוה וכדומה, דורכדעם וועט ער באקומען א הארה און דביקות אינעם אויבערשטן, און די הארה וועט אריינשיינען אין אים, און ער וועט באקומען די כוחות זיך צו הייבן און זיך מתגבר זיין אויף זיינע שוועריקייטן.

און די בעסטע מיטל דערפאר איז 'לימוד התורה', וויבאלד די גרעסטע דרגה אין דביקות בה' איז דורך לימוד התורה, וואס תורה איז כידוע מחשבתו של הקב"ה, און דערמיט געווען ווערן דבוק צום באשעפער אויף די העכסטע מדריגה, אזוי ווי עס ווערט געברענגט פון די ספרים הק' אז דורך לימוד התורה, ווערט מען דבוק צום באשעפער מיט א בחינה אזוי ווי עס שטייט אין פסוק[ז], 'ישקינו מנשיקות פיהו'[ח].

## די בחירה זאל נישט בטל ווערן

אבער אויף אזא מהלך, ווען די הארת ה' קומט אראפ און עס עפנט אויף יעדע הארץ, אזוי ווי עס איז געווען בשעת יציאת מצרים, אזוי איז נישטא קיין בחירה, די גאנצע גשמיות'דיגע ווערט בטל, די גוף ווערט משועבד צו די נשמה, און אזוי איז נישט פארהאן קיין בחירה, און די עולם הזה האט נישט מער קיין תפקיד.

---

ז שיר השירים א, ב.

ח ועיין שם ברש"י (ד"ה כי טובים) שכתב וז"ל, ונאמר דוגמא שלו על שם שנתן להם תורתו ודבר עמהם פנים אל פנים, ואותם דודים עודם ערבים עליהם מכל שעשוע, ומובטחים מאתו להופיע עוד עליהם לבאר להם סוד טעמיה ומסתר צפונותיה ומחלים פניו לקיים דברו, וזהו ישקני מנשיקות פיהו, עכ"ל.

דעריבער האט דער אויבערשטער געמוזט צונעמען די מדריגות וואס כלל ישראל האט דעמאלטס משיג געווען, און זיי געזאגט אז ענק האט עס שוין אמאל געהאט, עטץ ווייסט'ס וואס דאס איז, יעצט קענען ענק אנהייבן צו ארבעטן דאס צו דערגרייכן מיט ענקער אייגענע עבודה.

## אונזער עבודה בליל הסדר

עס ווערט דערמאנט אין די פוסקים אז מען זאל עסן א איי פסח ביינאכט, און די ספרים הק' רעדן אסאך ארום דערפון איבער די טעמים דערפון. איינע פון די טעמים וואס עס ווערט געברענגט איז וויבאלד א איי איז א סימן פון אבילות, און עס קומט אלץ זכר פונעם חורבן בית המקדש[ט].

דער יעב"ץ איז מסביר פארוואס עפעס דארף מען מאכן א זכר פון חורבן בית המקדש, פונקט פסח ביינאכט. און ערקלערט לויט ווי עס שטייט אין חז"ל, כל דור שלא נבנה בית המקדש בימיו, כאילו נחרב בימיו. יעדע דור וואס די בית המקדש איז אויפגעבויעט געווארן איז כאילו דער בית המקדש איז חרוב געווען אין יענע דור.

דעריבער עסט מען איי פסח ביינאכט, צו דערמאנען די חורבן פון אונזערע דור, עס זאל אויפוועקן א מענטש פון זיין שלאף, און ער זאל פארשטיין און אריינטראכטן, אז מען מיינט אים, מען וויל עפעס האבן פון אים. און דער מענטש זאל זיך מתבונן זיין אין די גרויסקייט פון די נאכט, די מורא'דיגע אור וואס קומט אראפ, און זאל וויסן עס צו אויסנוצן אויף די ריכטיגע וועג.

פסח ביינאכט ווען א איד זיצט ביים סדר, געפונט זיך דער אויבערשטער צוזאמען מיט אים, צוזאמען מיט די גאנצע פמליא של מעלה, און שיינט

---

ט עיין במהרי"ל (מנהגים סימן ל"ז) שכתב דבבית מהר"ש היו אוכלים בסעודה בליל פסח ביצים טרם כל דבר. והביאו הרמ"א (בסימן תע"ו סעיף ב') דהטעם הוא משום זכר לאבלות. ועוד טעם הביא שם משום הסימן שליל תשעה באב נקבע באותו יום כמו ליל פסח, ועוד משום זכר לחורבן שהיו מקריבין קרבן פסח.

ארײן א ליכטיגקײט און יעדע אידישע הארץ, און עס פלאקערט אויף א פלאם פײער אין יעדע נשמה, און מען דארף נאר בעטן אז די אור זאל בלײבן מיט אונז, מען זאל עפעס ארויסגײן פון די סדר נאכט.

און פון די נאכט קען מען טאקע װערן מקושר צום באשעפער אויף אסאך א העכערע װעג, מען קען זיך מאחד זײן מיטן אויבערשטער װאס קומט אראפ צו אונז, פונקט אזוי װי דער אויבערשטער איז אראפגעקומען דעמאלטס פסח בײנאכט צו די אידן אין מצרים.

**"אין די נאכט פון פסח קען מען טאקע װערן מקושר צום באשעפער אויף אסאך א העכערע װעג, מען קען זיך מאחד זײן מיטן אויבערשטער װאס קומט אראפ צו אונז, פונקט אזוי װי דער אויבערשטער איז אראפגעקומען דעמאלטס פסח בײנאכט צו די אידן אין מצרים"**

און װען מען גלײבט ריכטיג אין דעם, העלפט דער אויבערשטער אז די מסך המבדיל װאס איז מפסיק צו אונז מיטן אויבערשטן װערט אראפגענומען, און דער קשר בלײבט א קשר של קײמא, און דער אויבערשטער װעט בלײבן צװישן אונז.

זאל דער אויבערשטער העלפן מען זאל קענען זוכה זײן צו מקבל זײן די אור װאס קומט אראפ בשעת'ן ליל הסדר, מען זאל זוכה זײן צו מאכן א נחת רוח פארן אויבערשטן, און די הארץ זאל בלײבן אויפן צו עבדות און דביקות בה', לעבדו באמת ובתמים בלבב שלם, אמן.

# די גרויסע לעכטיגקייט
# פון יו"ט פסח

## ספעציעלע דין ביי קטנים - שוחטין עליהם את הקרבן פסח

עס שטייט אין גמרא (סוכה מב:), **יכול לאכול כזית צלי, שוחטין עליו את הפסח, שנאמר** (שמות יב, ד) **אִישׁ לְפִי אָכְלוֹ**. א קטן וואס קען שוין עסן א כזית פונעם קרבן פסח, קען מען אים שוין אריינרעכענען אין די חבורה פונעם קרבן פסח[א].

און אזוי ווערט געברענגט אין רמב"ם (פ"ב מהלכות קרבן פסח ה"ד), **ושוחטין על הקטנים שיהיו מכלל בני החבורה, לא שתהיה חבורה כולה קטנים שאינן בני דעת**. מען קען שחט'ן די קרבן פסח און אריינרעכענען קטנים וואס זאל זיין א טייל פון די חבורה. אבער - לייגט צו דער רמב"ם - מען קען נישט מאכן א חבורה וואס איז נאר פון קטנים, וויבאלד זענען נישט קיין בני דעת[ב].

די מפרשים שטעלן זיך[ג] פארוואס דארף דער רמב"ם אויסשמועסן אז א חבורה נאר פון קטנים קענען נישט שחט'ן א קרבן פסח, זיי זענען דאך סיי ווי פטור פון מקיים זיין מצות, און זענען נישט מחויב

---

א ועיי"ש ברש"י (ד"ה שוחטין וכו') שכתב וז"ל, ממנין אותו על בני החבורה, ואי לא, לא, דכתיב (שמות יב, ד) איש לפי אכלו תכסו, הראוי לאכילה.

ב עיי"ש בכסף משנה שהקשה למה צריך הרמב"ם לחדש טעם חדש משום דאינם בני דעת, הוה לי' למעט מ'איש' ולא קטן, דנוכל למילף מזה שא"א לעשות חבורה רק מקטנים, ועיי"ש מה שמפרש באופן מחודש דברי הרמב"ם. ועוד יש להבין למה יצא הר"מ מגדרו לבאר טעם בדינו, מה שלא מצינו בכ"מ שאינו מפרש טעמי הדינים.

ג עיין במנחת חינוך (מצוה ה' אות ב').

צו ברענגן א קרבן פסח, ממילא איז פשוט אז ס'איז נישט שייך צו ברענגן א גאנצע קרבן פסח נאר פאר זיי אליינס[ד].

אזוי אויך דארף מען פארשטיין, עס שטייט אין רמב"ם (שם פ"ה ה"ז), **וכן קטן שהגדיל בין שני פסחים, חייבין לעשות פסח שני, ואם שחטו עליו בראשון פטור.** א קטן וואס ווערט בר מצוה צווישן פסח און פסח שני איז מחויב צו ברענגן א קרבן - פסח שני, אבער אויב ער האט שוין געהאט א טייל (אלץ קטן) אינעם ערשטן קרבן פסח איז ער פטור פון ברענגן נאכאמאל א פסח שני.

שטעלט זיך דער כסף משנה (שם) מיט די אויבנדערמאנטע קשיא, ווי אזוי איז שייך צו זאגן לגבי א קטן אז ער האט שוין יוצא געווען מיטן ערשטן קרבן פסח אלס קטן, ער איז דאך געווען א קטן, און א קטן איז פטור פון אלע מצות.

ענטפערט דער מהר"י קורקוס[ה], אז וויבאלד מען זעט אין חז"ל אז מען האט מרבה געווען א קטן אין הלכות קרבן פסח[ו], טראץ וואס ער איז נישט מחויב מיט קיין מצות קען ער אויך נעמען א טייל אינעם קרבן פסח, דעריבער אויב איז ער שוין געווען א חלק אינעם ערשטן קרבן פסח, דארף ער נישט נאכאמאל ברענגן א קרבן פסח שני, טראץ וואס איז ער שוין היינט א גדול, און דעמאלטס איז ער נאך געווען א קטן.

קומט אויס לויט די מהר"י קורקוס, אז טראץ וואס ער איז א קטן און זיין גאנצע חיוב צו מקיים זיין מצות איז בלויז צוליב די מצוה פון חינוך[ז], אבער וויבאלד מען האט געגעבן א ספעציעלע רעכט דא ביי

---

ד אפילו אויב מען וועט זאגן אז ער איז מחויב צוליב די מצוה פון חינוך, איז דאס נאר א מצוה דרבנן (כמבואר בסוכה כח: ובחגיגה ד.) און קרבן פסח איז מצוה דאורייתא.

ה הובא שם בכסף משנה.

ו אזוי ווי אויבן געברענגט אז קטן קען זיך אריינרעכענען אין א חבורה, ועיין עוד בנדרים לו. (ועיי"ש בתוס' ד"ה יביא) וכן ברמב"ם פ"ב מהלכות קרבן פסח הי"א, דנקטינן 'שה לבית אבות לאו דאורייתא', והיינו דקטנים אינם צריכים להימנות, ואוכלים ממקום שרוצים, ואינם כאוכלים שלא למנייו.

ז ומצות חינוך אינו אלא מדרבנן, כדמבואר לעיל בהערה אות ד', ויעויין במנחת חינוך

די מצוה פון קרבן פסח זיך צו קענען משתתף זיין אפילו ווען ער איז נאך א קטן, ממילא וועט ער אפילו יעצט - אלץ קטן - קענען יוצא זיין די חיוב וואס ער וועט שפעטער באקומען ווען ער ווערט א גדול[ח].

**"ביי קרבן פסח האט מען געגעבן א ספעציעלע דין פאר קטנים אז זיי האבן אויך א חלק אין די מצוה, א זאך וואס מיר געפונען נישט אין אנדערע ערטער"**

אזוי אויך זעט מען אז טראץ באופן כללי ווען עס קומט צו די מצוה פון חינוך איז דאס בעיקר א חיוב פון א טאטע אויף זיינע זון און נישט אויף זיינע טעכטער[ט], עכ"ז דא ביי קרבן פסח זעט מען אז א טאטע קען אריינרעכענען אויך זיינע טעכטער צו נעמען א טייל אינעם קרבן פסח, אזוי ווי עס שטייט אין גמרא (פסחים פח.) **שה לבית, מלמד שאדם מביא ושוחט על ידי בנו ובתו הקטנים** וכו'[י]. ווייל דא ביי קרבן פסח האט מען געגעבן א ספעציעלע דין פאר קטנים אז זיי האבן אויך א חלק אין די מצוה[יא], און דאס איז א זאך וואס מיר געפונען נישט אין אנדערע ערטער.

---

(שם) דמאריך להקשות ע"ז, כיון דכל מצות חינוך אינו אלא מדרבנן, א"כ האיך יכול לצאת עי"ז חיוב דאורייתא כשנתגדל, ודו"ק.

ח מיט דעם פארשטייט מען אויך די ערשטע קשיא פארוואס דער רמב"ם דארף עקסטער אויסשמועסן אז קטנים קענען נישט מאכן אליין א קרבן פסח, וויבאלד דא - ביי קרבן פסח - איז פארהאן א באזונדערע אויסנאם פאר קטנים.

ט כדאיתא בגמרא נזיר (כט.), דבנו חייב לחנכו אבל בתו אינו חייב לחנכה, והוא ע"פ הפסוק (משלי כב, ו), **חֲנֹךְ 'לַנַּעַר' עַל פִּי דַרְכּוֹ**.

י ועיין שם ברש"י (ד"ה ע"י) שמפרש דהיינו בשביל שבנו ובתו הקטנים עליו לחנכן, ולכן מביא עליהן בין מדעתן בין שלא מדעתן כדאיתא שם.

יא ועיי"ש בתוספות (בפסחים פח. ד"ה שה לבית), שהקשה דהיאך מאכיל פסח שלא למנויו, נהי דקטן אוכל נבילות אין בי"ד מצווין להפרישו, אבל לספות לו בידים אסור, כדאמרינן ביבמות (קיד.). ומתרץ תוס' דהתם ילפינן מלא תאכלום, ולא אסור אלא דומיא דשרצים ונבילות, אבל בכי האי גוונא - באכילת קרבן פסח - דאיכא מצות חנוך, הרי זו מצוה ומותר.

## יעדע שטוב באקומט א קדושת בית המקדש

קומט אויס לויט די אויבנדערמאנטע ווערטער, אז פסח איז פארהאן א באזונדערע ענין וואס מען האט געגעבן פאר קטנים טראץ וואס זיי זענען בעצם פטור. איז לכאורה דארף מען דאס פארשטיין, פארוואס דוקא ביי די יום טוב פון פסח האט מען געגעבן פאר קטנים א כח אז זיי זאלן אויך קענען יוצא זיין די מצות און חיובים פונעם יום טוב, א זאך וואס מען געפונט נישט ביי אלע אנדערע ימים טובים און מצות.

נאר אין דעם ענין ליגט גאר א טיפע דערהער אין די באדייט פונעם גאנצן יו"ט פסח. מען זעט עס אויך פון א אנדערע ארט אין די תורה, דארט ווי עס שטייט אין פסוק ביי די פרשה פון קרבן פסח (דברים טז, ה), **לֹא תוּכַל לִזְבֹּחַ אֶת הַפָּסַח בְּאַחַד שְׁעָרֶיךָ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לָךְ**. די תורה געבט א באזונדערע איסור אז מען זאל נישט שחט'ן די קרבן פסח נאר אין בית המקדש.

לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס זאל מען בכלל מיינען אז מען זאל יא קענען שחט'ן די קרבן פסח אינדרויסן פונעם בית המקדש? פארוואס איז דאס אנדערש פון אלע אנדערע קרבנות וואס דארט איז פשוט אז מען מוז עס שחט'ן אינעם בית המקדש?

נאר דער תירוץ איז, ווען די אידן זענען געווען אין מצרים און האבן מקריב געווען די קרבן פסח, שטייט דארט אין די תורה (שמות יב, כב) **וּלְקַחְתֶּם אֲגֻדַּת אֵזוֹב וּטְבַלְתֶּם בַּדָּם אֲשֶׁר בַּסַּף וְהִגַּעְתֶּם אֶל הַמַּשְׁקוֹף וְאֶל שְׁתֵּי הַמְּזוּזֹת**, דער אויבערשטער האט באפוילן כלל ישראל אז מען זאל נעמען די בלוט און עס אנשמירן אויף די שוועל פונעם טיר.

און די גמרא (פסחים צו.) לייגט צו, **שלוש מזבחות היו שם, על המשקוף, ועל שתי המזוזות וכו'**. ווען די אידן האבן גע'שחט'ן זייער קרבן פסח אין מצרים, האבן זיי געהאט דריי מזבחות, וואס דאס איז געווען די דריי ערטער פונעם שוועל פון די טיר, ווי מען האט געשמירט די בלוט פונעם קרבן פסח.

און דאס האט געהאט א באזונדערע באדייט און לימוד פאר כלל ישראל, אז די הויז פון יעדע איינציגסטע איד וואס האט גע'שחט'ן די קרבן פסח, איז נישט בלויז א הויז, נאר עס איז א הויז וואס פארמאגט קדושת המקדש מיט דריי מזבחות אין זיך, עס איז א הויז וואס האט השראת השכינה אזוי ווי אין בית המקדש.

**"די הויז פון יעדע איינציגסטע איד וואס האט גע'שחט'ן די קרבן פסח, איז נישט בלויז א הויז, עס איז א הויז וואס פארמאגט קדושת המקדש מיט דריי מזבחות אין זיך, עס איז א הויז וואס האט השראת השכינה אזוי ווי אין בית המקדש"**

ווען מען טראכט אריין ווי אזוי עס האט אויסגעזען די קרבן פסח אין מצרים, די אידן זענען געווען פארשקלאפט 210 יאר אונטער די מצריים, און געארבעט ביטערליך שווער בחומר ובלבנים, און אויפגעבויעט פאר די מצריים זייערע טורעמעס אין פיתום און אין רעמסס, זיי האבן נישט געקענט קיין צורת אות, און זיכער נישט געהאט צופיל צייט צו לערנען און וואקסן תלמידי חכמים.

מיט־אמאל ווען עס איז געקומען די צייט ארויס־צו־גיין פון מצרים האט משה רבינו געזאגט פאר כלל ישראל אז יעדער איד דארף נעמען א שעפעלע און עס מַקדיש זיין פאר א קרבן און עס שחט'ן פאר א קרבן פסח.

כדי צו קענען מקריב זיין א קרבן, דארף מען קענען אן א שיעור הלכות פון קדשים וואס פאדערט זיך צו וויסן ווען עס קומט צו שחט'ן און מקריב זיין א קרבן, ווי אזוי קען זיין אז כלל ישראל האט זיך אויסגעלערנט אין אזא קורצע צייט די פולע הלכות וואס זיי האבן געדארפט וויסן?

מוז מען זאגן, אז ווען ס'איז געקומען די צייט צו שחט'ן די קרבן פסח האט יעדער איד אין כלל ישראל געוואוסט פונקטליך וואס ער דארף טון, מיט אלע הלכות און דיקדוקים, וויבאלד עס איז נתגלה געווארן א מורא'דיגע אור און עס איז נשפע געווארן א ריבוי דעת

ושכל צו יעדעם איינעם אין כלל ישראל, און דאס געקומען דורך די גרויסע השראת השכינה וואס האט שורה געווען אין יעדע הויז פון כלל ישראל.

דעריבער טראץ וואס זיי זענען געווען אפגעמוטשעטע קנעכט און פארשקלאפט אונטער די טומאת מצרים, האט די דערהויבענע השראת השכינה וואס איז אראפגעקומען אין מצרים, געעפנט פאר כלל ישראל די שערי אורה, און דער אויבערשטער האט משפיע געווען א ריבוי דעת ושכל, און אזוי האבן די אידן משיג געווען אלע גרויסע הארות און השגות וואס זיי האבן געדארפט וויסן צו קענען מקריב זיין די קרבן פסח בכל פרטיה ודיקדוקיה מיט אלע סודות הקדושים וואס ליגט אין דעם[יב].

און דורכדעם האבן זיי זוכה געווען צו גאר הויכע השגות, און זוכה געווען אז זייערע שטובער האבן באקומען א קדושת בית המקדש, און די שוועל פון די טיר האט באקומען א קדושת המזבח, און דאס אלעס איז נישט געקומען דורך זייערע אייגענע כוחות, נאר דאס איז געווען אן הארה וואס דער אויבערשטער האט אריינגעשיינט אין יעדע איד פון כלל ישראל, און משרה געווען שכינתו אין יעדע אידישע שטוב.

## די גרויסע הארה פון פסח וואס שיינט אריין אין יעדע איד

מיט דעם פארשטייט מען פארוואס דוקא ביי די מצוה פון קרבן פסח האט דער אויבערשטער געדארפט עקסטער מצוה זיין אז מען טאר

יב ענליך צו דעם טרעפט מען אין חז"ל ביי אברהם אבינו וואס האט זוכה געווען אז ער האט געקענט שפירן וואס ס'איז ריכטיג צו טון, אזוי ווי עס שטייט אין מדרש (בראשית רבה צה, סג), **שתי כליות של אברהם אבינו היו נובעים לו חכמה, וכליות יועצות לב**, (ועיין בגמרא ברכות סא.), און דאס איז געקומען פון די גרויסע השראת השכינה וואס אברהם אבינו האט געהאט. די זעלבע זאך איז געווען מיט כלל ישראל אין מצרים, זיי האבן זוכה געווען צו אזא הויכע דרגה אין השראת השכינה, אז אפילו זיי האבן נישט געלערנט די תורה, האבן זיי געוואוסט וואס די תורה פארלאנגט צו טון.

נישט מקריב זיין די קרבן פסח נאר אינעם בית המקדש, וויבאלד אזוי ווי ביי די זמן פון די קרבן פסח אין מצרים, איז יעדע אידישע שטוב באלאכטן געווארן מיט א קדושת בית המקדש, און מען האט זוכה געווען צו קדושת המזבח ביי די שוועל פונעם טיר. דאס זעלבע איז יעדעס יאר ווען עס קומט צו מקריב זיין די קרבן פסח קומט אראפ א מורא'דיגע השראת השכינה אויף יעדע איד, און בעצם וואלט מען געקענט קלערן אז אויב אזוי מעג מען אויך מקריב זיין די קרבן פסח ביי זיך אין שטוב, דעריבער דארף די תורה אנזאגן אז פונדעסטוועגן, מעג מען נאר מקריב זיין די קרבן פסח אין בית המקדש.

אזוי אויך פארשטייט מען פארוואס ביי די מצוה פון קרבן פסח איז דא א באזונדערע אויסנאם אז קטנים וואס זענען נישט מחויב אין קיין מצות, קענען אויך מקיים זיין און נעמען א טייל אינעם קרבן פסח, ווייל דאס זעלבע זאך איז געווען ביי יציאת מצרים, טראץ וואס כלל ישראל איז געווען בבחינת קטן, זיי האבן נישט געהאט קיין שום השגות, און האבן נישט געהאט די אייגענע כוחות צו מקריב זיין די קרבן פסח, נאר דער אויבערשטער האט אראפגעשיקט א השראה מלמעלה, דעריבער ווען עס קומט צו מקריב זיין די קרבן פסח קען אפילו א קטן האבן א חלק און זיך מיט־רעכענען מיטן קרבן פסח.

און די הארה שיינט אריין אין יעדע איד ווען עס קומט פסח, טראץ וואס ער אליינ'ס מיט זיינע קליינע השגות, האט נישט די כוחות צו קענען משיג און דערגרייכן די גרויסע אורות וואס קומט אראפ אין אזא הייליגע יו"ט פון פסח, נאר דער אויבערשטער איז דער וואס שיינט אריין אין יעדע איד, און איז משרה שכינתו אין יעדע אידישע שטוב, און יעדער איינער איז זוכה צו ריבוי השכל והאור ווען עס קומט די יום טוב פון פסח.

**"די הארה שיינט אריין אין יעדע איד, טראץ וואס ער אליינ'ס מיט זיינע קליינע השגות, האט נישט די כוחות צו קענען משיג און דערגרייכן די גרויסע אורות וואס קומט אראפ אין אזא הייליגע יו"ט, נאר דער אויבערשטער שיינט אריין אין יעדע איד, און יעדער איינער איז זוכה צו א ריבוי דעת ושכל"**

**"מען טוט אן א ווייסע קיטל פסח ביים סדר, ווייל דערמיט איז מען דומה צום כהן גדול ווען ער גייט אריין יום כיפור לפני ולפנים אין קודש הקדשים און איז אנגעטון מיט בגדי לבן"**

## פסח איז א באזונדערע הארה אפילו פאר קטני הדעת

מיט דעם קען מען אויך פארשטיין פארוואס ביי יום טוב פסח האבן די קטנים אזא גרויסע חלק אינעם יום טוב, אזוי ווי עס שטייט אין די תורה ביי די מצוה פון סיפור יציאת מצרים (שמות יג, ח) **וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ בַּיּוֹם הַהוּא לֵאמֹר וגו'**, וואס דאס איז פון די הויפט מצות וואס איז דא אינעם יו"ט פסח.

וויבאלד א גרויסער חלק פון יו"ט איז געווען די הארת הדעת וריבוי השכל וואס איז אריינגעשיינט געווארן אין יעדע איד, טראץ וואס ער איז געווען קליין און האט נישט געהאט די אייגענע כוחות דאס צו פארשטיין, האט דער אויבערשטער אריינגעשיינט העכער זייערע השגות און אויפגעהויבן כלל ישראל פון א בחינה פון קטני הדעת צו גדולים מיט גרויסע הארות און השגות.

און באמת איז דאס א גרויסע יסוד אין עבודת ה' בכלל, אז בעצם א מענטש אליינס וואס איז א בשר ודם, און איז ארומגענומען מיט גשמיות, האט נישט די אייגענע כוחות צו קענען משיג זיין די תורה, נאר דער אויבערשטער איז פושט יד און לייגט אריין די כח און קדושה אין א מענטש אז ער זאל דאס קענען משיג זיין[יג].

יג אזוי ווי עס איז שוין אויסגעשמועסט געווארן באריכות אינעם שמועס "דביקות און התקשרות צום באשעפער" (חלק א'), די ווערטער פון חז"ל (רש"י בראשית ב, ז ד"ה עפר מן האדמה), אז ווען דער אויבערשטער האט גענומען ערד צו באשאפן אדם הראשון, האט דער אויבערשטער גענומען די ערד פון די 'מזבח אדמה', און די ספה"ק זענען מסביר אז דער אויבערשטער האט דוקא גענומען ערד פון אונטער די מזבח, צו ווייזן אז אפילו די גשמיות'דיגער חלק פון א מענטש איז אויך לכתחילה באשאפן געווארן מיט א קדושה, עס קומט פון א מקום קדוש, און עס איז א כלי וואס איז גרייט צו מקבל זיין קדושה און האט די כוחות צו דינען דער אויבערשטער אפילו מיט זיין גשמיות'דיגער לבוש.

און יעדע מענטש האט אין זיך א מורא'דיגע קדושה, אזוי ווי עס שרייבט די רמ"ע מפאנו זי"ע[יד] אויפן פסוק (תהלים פד, ה) **אַשְׁרֵי יוֹשְׁבֵי בֵיתֶךָ** וגו'. לכאורה וואלט ענדערש געדארפט שטיין 'יושבי **בבתיך**'[טו], נאר דאס איז מרמז אויפן מענטש אליינס - וואויל איז דער מענטש אליינס - אז ער פארמאגט אינעווייניג אין זיך מורא'דיגע כוחות זיך צו דערקענען דערהייבן און באקומען הויכע השגות אין קדושה און אין עבודת השי"ת ביז ער אליינס איז זוכה צו זיין א בית לה' אז די שכינה איז שורה אויף אים אזויווי אין בית המקדש.

אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים נא, יז) **ה' שְׂפָתַי תִּפְתָּח וּפִי יַגִּיד תְּהִלָּתֶךָ**, דער אויבערשטער איז דער וואס מאכט אויף די מויל פון א מענטש, און ער איז דער וואס לייגט אריין די ווערטער אין מויל, און דער חלק האלקי - דער חלק הרוחני איז דער וואס רעדט ארויס פונעם מענטש.

און הויפט־זעכליך ווען עס קומט דער יום טוב פסח, באקומט יעדער מענטש א מורא'דיגע הארה רוחני, אזוי ווי עס שטייט אין מהר"ל[טז], א מורא'דיגע טעם פארוואס מען טוט אן א ווייסע קיטל פסח ביים סדר, ווייל דערמיט איז מען דומה צום כהן גדול ווען ער גייט אריין יום כיפור לפני ולפנים אין קודש הקדשים און איז אנגעטון מיט בגדי לבן.

און עס שטייט אין חז"ל (תמיד פרק ג' משנה ח'), אז ווען דער כהן גדול האט דערמאנט די שם המפורש האט מען געקענט הערן די קול

---

**יד** עשרה מאמרות מאמר חקור דין חלק א' פרק כ"ו.

**טו** אזוי ווי עס איז משמע פשטות די לשון פונעם משורר, וואויל זענען די מענטשן וואס זיצן ביי דער אויבערשטער אין שטוב.

**טז** הובא בהגדה של פסח למהר"ל מפראג, ומקורו ממש"כ המהר"ל בגו"א (ויקרא ח, טז), דלבישת בגדי לבן כל השנה ע"י כהן הדיוט אינה מצד מעלה שבו. והביאור הוא שהרי בעולם התחתון אין הפשיטות מצד המעלה וע"כ הכהן הדיוט שהוא בדרגה נמוכה אין פשיטותו מצד המעלה, משא"כ הכהן גדול שהוא תמיד בדרגה חשובה של בגדי זהב, בע"כ הא דלובש בגדי לבן ביוה"ב הוא מצד המעלה היותר גדולה של עולם הנבדל.

**"דאס איז ארויסגעקומען פון די חלק האלקי פונעם מענטש, וואס האט ארויסגעשריגן הלל אויף א מורא'דיגע מדריגה פון התפשטות הגשמיות, און דאס האט געשפאלטן די דאך פון גרויס דביקות און התקרבות צום אויבערשטער"**

פונעם כהן גדול ביז יריחו"[יז], און דער פשט דערפון איז, אז דאס איז נישט געווען קיין מענטשליכע געשריי, נאר עס איז געווען דער חלק אלקי - דער געטליכער חלק - פונעם כהן גדול וואס איז ארויסגעקומען פונעם כהן גדול אינעם טאג פון יום כיפור.

און אזוי אויך טרעפט מען ווען כלל ישראל איז ארויפגעקומען קיין ירושלים מקריב צו זיין די קרבן פסח, שטייט אין חז"ל (פסחים פה:), אז ווען מען האט געזאגט הלל - **'פקע איגרא'** - איז די דאך געשפאלטן געווארן, וואס דאס איז געווען גאר א הויכע השגה וואס איז בכלל נישט געווען לויט די מדריגה פון אלע אידן.

נאר ווען מען איז אנגעקומען קיין ירושלים און מען האט מקריב געווען די קרבן פסח, האט זיך געעפענט די מוח און הארת השכל פון יעדע איינציגסטע איד, און עס איז געווארן א השראת השכינה אין יעדע אידישע שטוב, און אין יעדע אידישע הארץ. און מיט די הארה האט מען געזאגט הלל, וואס דאס איז ארויסגעקומען פון די חלק האלקי פונעם מענטש וואס האט ארויסגעשריגן הלל אויף א מורא'דיגע מדריגה פון התפשטות הגשמיות, און גאר הויכע רוחניות'דיגע השגות, און דאס האט געשפאלטן די דאך פון גרויס דביקות און התקרבות צום אויבערשטען.

## והגדת לבנך - דער באשעפער צו כלל ישראל

לכאורה ווען מען קומט צו יום טוב פסח און מען וויל מקבל זיין אלע גרויסע השפעות וואס עס קומען אראפ אין די הייליגן סדר נאכט,

יז דער שטאט יריחו איז געווען ווייט צען פרסאות פון ירושלים.

וואלט מען לכאורה געדארפט גיין צו דער גרעסטער צדיק וואס איז פארהאן אינעם דור, און זען ווי אזוי ער פראוועט א סדר, און אזוי קענען מקבל זיין די גרויסע אור וואס קומט אראפ אין די נאכט[יח].

אבער פסח האט דער אויבערשטער אויסגעשטעלט אז די צורת המצוה איז דורך 'והגדת לבנך', א טאטע דארף איבערגעבן פאר זיין קינד, בפשטות לערנט מען אז דאס איז א מצוה פון א טאטע צו א קינד, אבער לכאורה וואלט דאס דענסמאל געקענט אריינגיין אין די שטענדיגע מצות חינוך וואס איז נאר מדרבנן, און דא קומט די תורה זאגן א באזונדערע מצוה דאורייתא פון 'והגדת לבנך'.

נאר עס איז פארהאן א טיפערע פשט. דאס איז א נייע חינוך, אזוי ווי עס איז געווען אין די צייט ווען די אידן זענען ארויס פון מצרים, און זענען געווען בבחינת קטנים, זיי האבן גארנישט געוואוסט, און האבן נישט געהאט קיין שום מדריגות מיט זיך, און ווען ס'איז געקומען די נאכט פון פסח האט דער אויבערשטער מיט־אמאל אריינגעשיינט א לעכטיגקייט און השגה אין יעדע איד פון כלל ישראל, אסאך העכער פון זיינע מדריגות, און זיי האבן געקענט מקריב זיין די קרבן פסח, טראץ וואס זיי זענען געווען זייער ווייט דערפון אין השגה.

**"אפילו אונז זענען קטנים, און אונז האבן נישט די שכל צו די גרויסע השגות, אבער יעדע אידישע נשמה שפירט אז עס פלאקערט און עס ברענט אין אים א געוואלדיגע העכערקייט, אפילו מען האלט נישט דערביי"**

דאס פאסירט יעדע יאר ווען עס קומט פסח, אפילו אונז זענען קטנים, און אונז האבן נישט די שכל צו די גרויסע השגות, אבער יעדע אידישע נשמה שפירט אז עס פלאקערט און עס ברענט אין אים א געוואלדיגע העכערקייט, אפילו מען האלט נישט דערביי, און אסאך מאל פארשטייט

---

**יח** באמת איז פארהאן אזא בחינה, אזוי ווי עס איז באקאנט פונעם הייליגן אמרי נועם זי"ע, וואס האט געטייטשט דער פסוק (ויקרא ו, ט) **'מַצּוֹת תֵּאָכֵל בְּמָקוֹם קָדֹשׁ' בַּחֲצַר אֹהֶל מוֹעֵד יֹאכְלוּהָ**, די מצות דארף געגעסן ווערן ביי א הייליגער איד און צדיק.

מען נישט פארוואס קאכט זיך אזוי? וואס ברענגט אין מיר? איך בין דאך אזוי ווייט פון דעם.

אבער דאס קומט וויבאלד דער אויבערשטער קומט אראפ מיט א בחינה פון 'והגדת לבנך' אז ער איז מקיים מיט אונז - זיינע קינדער דעם 'והגדת לבנך' און שיינט אריין א ריבוי אור ושכל אין יעדעם איינעם פון אונז, כדי אונז זאלן קענען מקבל זיין די גרויסע אור וואס קומט אראפ אין יו"ט פסח.

און דאס איז ווי אזוי דער אויבערשטער האט קובע געווען דער יום טוב, ווי עס שטייט אין חז"ל (ברכות ט.) **עד מתי אתה אוכל והולך** (את הקרבן פסח), זאגט די גמרא אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (דברים טז, ו) **כְּבוֹא הַשֶּׁמֶשׁ מוֹעֵד צֵאתְךָ מִמִּצְרָיִם**[יט]. דאס איז מרמז אז מען עסט די קרבן פסח אזוי ווי עס איז געווען אין מצרים, מיט די זעלבע השגה און אופן וואס עס איז געווען דעמאלטס אז מען איז געווען קטני הדעת און דער אויבערשטער האט אויפגעהויבן יעדע איד צו זייער הויכע מדריגות.

די זעלבע איז יעדע יאר ווען עס קומט פסח קומט אראפ די זעלבע הארה אין שיינט אריין אין יעדעם איינעם, און יעדער איינער האט די כח אזוי ווי די אידן אין מצרים, אז טראץ וואס מען איז אזוי ווי קטנים און מען האט נישט די אלע גרויסע השגות, דאך האט מען די זכיה אז דער אויבערשטער זאל אונז געבן ריבוי אור ושכל אין די גרויסע נאכט פון פסח.

**"דער אויבערשטער קומט אראפ מיט א בחינה פון 'והגדת לבנך' און שיינט אריין א ריבוי אור ושכל אין יעדעם איינעם פון אונז, כדי אונז זאלן קענען מקבל זיין די גרויסע אור וואס קומט אראפ אין יו"ט פסח"**

און ווען מען פארשטייט די פשט פון 'והגדת לבנך' און מען פארשטייט אז אונז זענען די קטנים, אזוי ווי עס איז געווען

יט פשטות דרש'ענט די גמרא דארט, אז מען קען עסן די קרבן פסח ביז די עלות השחר, אזוי ווי עס איז געווען ביי פסח מצרים.

ביי יציאת מצרים, דעמאלטס איז מען זוכה זיך צו מקשר זיין צו די מקור האמת און צו די נקודת האור, און מען איז מוכן צו זיין א כלי צו מקבל זיין די השפעות וואס קומט אראפ פון א טאטע צו א קינד.

און דעמאלטס קען מען אנפאנגן צו שפירן די הארת אלקי וואס קומט אראפ אין אזא נאכט, און מען איז זוכה צו נייע השגות וואס שיינט אריין אינעם מענטש, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (מיכה ז, טו), **כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת**, מען איז זוכה צו די זעלבע הארה און השגות וואס איז געווען ווען די אידן זענען ארויס פון מצרים.

## די ריבוי אור ודעת בלייבט נישט שטענדיג
## מען דארף אליינ'ס ארבעטן

מען דארף אבער וויסן אז די גרויסע הארה וואס קומט אראפ פסח ביינאכט בלייבט נישט שטענדיג, עס איז ווי א בליץ וואס גיבט א שיין אויף און מאכט ליכטיג, אבער גלייך נאכדעם ווערט צוריק פינסטער, וויבאלד נאכדעם פאנגט זיך אן די אייגענע עבודה וואס מען דארף הארעווען מיט די אייגענע כוחות.

אזוי ווי עס איז געווען ביי די אידן אין מצרים, ווען עס איז געקומען פסח ביינאכט האט אויפגעשיינט ביי זיי א מורא'דיגע הארה, מען איז אנגעקומען צו געוואלדיגע מדריגות, די שטוב האט געהאט א קדושת בית המקדש, און די שוועלן פון טיר האבן געהאט קדושת מזבח, אבער נאכדעם איז אלעס צוגענומען געווארן, און מען האט געדארפט ארבעטן מיט די אייגענע כוחות ביז זיי זענען געווען גרייט צו מקבל זיין די תורה ביי מעמד הר סיני.

עס שטייט אין די משנה (פסחים פרק ה' משנה ה') **הפסח נשחט בשלש כתות** וכו' **נכנסה כת הראשונה נתמלאת העזרה נעלו דלתות העזרה.** די קרבן פסח האט מען גע'שחט'ן אין בית המקדש צוטיילט אין דריי כתות, און איינמאל די בית המקדש איז געווארן אנגעפילט האט מען

**"פלוצלונג ווערט אים צוריק טונקל, ער איז צוריק אין די חשכות'דיגע גלות, ער האט פארלוירן אלע זיינע הויכע מדריגות וואס ער האט געהאט, און ער שפירט ווי מען האט פארמאכט אויף אים די טויערן"**

פארשפארט די טויערן פון די עזרה[כ], און מען האט נישט געקענט אריינגיין ביז די כתה האט געענדיגט שחט'ן די קרבן פסח.

די לימוד וואס אונז קענען דערפון ארויסלערנען איז, אז ס'איז ריכטיג אז עס מאכן זיך אויף די טויערן פון השפעות, עס שיינט אריין אין יעדע אידישע הארץ, און מען ווערט זייער דערהויבן, אבער נאכדעם ווערן די טויערן פארשפארט, און מען קען שוין מער נישט צוקומען צו די גרויסע אור וואס איז געווען בשעת הקרבת קרבן פסח.

און אסאך מאל קען דאס ברענגען א צובראכנקייט פאר א מענטש, עס קען אים מאכן מוטלאז, ווען פלוצלונג ווערט אים צוריק טונקל, ער איז צוריק אין די חשכות'דיגע גלות, ער האט פארלוירן אלע זיינע הויכע מדריגות וואס ער האט געהאט, און ער שפירט ווי מען האט פארמאכט אויף אים די טויערן.

דארף מען אבער וויסן אזוי ווי עס איז ידוע פון צדיקים זי"ע, אז עס איז פארהאן צוויי 'פתחים', כלל ישראל בעט און זאגט פארן באשעפער: '**פִּתְחוּ לִי שַׁעֲרֵי צֶדֶק**'[כא] עפן אונז אויף די טיר, אונז זאלן זיך קענען דערנענטערן צו דיר, אונז זאלן שפירן דיין נאנטקייט און השראת השכינה, עס איז אונז זייער שווער צו דינען דער אויבערשטער מיט א חשכות און הסתר פנים.

---

**כ** די גמרא אין פסחים (סד:) ברענגט א מחלוקת אביי און רבא, צו מען האט פארשפארט די טויערן אדער די טויערן האבן זיך פארשפארט פון זיך אליינ'ס דורך א נס, און די יסוד המחלוקת איז צו סומכין על הנס אדער אין סומכין על הנס, ועיי"ש.

**כא** תהלים קיח, יט.

ענטפערט דער אויבערשטער[כב]: **פתחו לי פתח כחודה של מחט, ואני אפתח לכם פתח כפתחו של אולם**, ענק זאלן עפענען פון ענקער זייט בלויז א קליינעם פתח, אבער עס זאל זיין 'של מחט', א נאדל איז טאקע זייער דין און קליין, אבער עס גייט אַדורך און אַדורך, ווען מען טוט אפילו א קלייניקייט - וויפיל מען קען מיט די אייגענע כוחות - אבער עס ווערט געטון אַדורך און אַדורך, דעמאלטס איז מען זוכה אז די עבודה ווערט נאכדעם געטון פון זיך אליינס און דער אויבערשטער געבט שוין די כוחות צו גיין ווייטער.

עס גייט טאקע נישט אין איין מינוט, מען דארף ארבעטן אויף דעם, און ווען מען פראבירט עס צו טון שנעל גייט עס נישט, אזוי ווי ווען מען וועט נעמען א נאדל און דאס געבן שנעלערהייט א שטעך אריין, וועט זיך עס צובייגן און וועט נישט קענען דורכגיין, מען טאר נישט כאפן קיין מדריגות, אבער אויב מען פאנגט אן קליין און צוביסלעך, איז מען זוכה אזוי ווי דער פסוק זאגט ווייטער (שם) **זֶה הַשַּׁעַר לַה' צַדִּיקִים יָבֹאוּ בוֹ**. דער אויבערשטער עפנט אויף ברייט די טויערן און מען איז זוכה צו דערגרייכן אלע גרויסע מדריגות.

**"א נאדל איז טאקע זייער דין און קליין, אבער עס גייט אדורך און אדורך, ווען מען טוט אפילו א קלייניקייט – וויפיל מען קען מיט די אייגענע כוחות – אבער עס ווערט געטון אדורך און אדורך, דעמאלטס איז מען זוכה אז די עבודה ווערט נאכדעם געטון פון זיך אליינס און דער אויבערשטער געבט שוין די כוחות צו גיין ווייטער".**

און דאס איז די עיקר עבודה, ווען עס גייט שווער און מען שפירט נישט ווי מען דערגרייכט הויכע השגות. און טאקע פון די עבודה האט דער אויבערשטער די גרעסטע נחת רוח און תענוג, וויבאלד דאס קומט אן זייער שווער, און דער מענטש שפירט זיך ווייט פונעם באשעפער. ווייל איינמאל עס עפנט זיך די טויערן גייט

כב מדרש שיר השירים רבה ה, ג.

**"עס גייט נישט אין איין מינוט, מען דארף ארבעטן אויף דעם, און ווען מען פראבירט עס צו טון שנעל גייט עס נישט, אזוי ווי ווען מען וועט נעמען א נאדל און דאס געבן שנעלערהייט א שטעך אריין, וועט זיך עס צובייגן און וועט נישט קענען דורכגיין"**

דאס שוין זייער לייכט און די עבודה ווערט שוין געטון פון זיך אליינס.

זאל דער אויבערשטער העלפן אז מען זאל זיך קענען באנוצן מיט אונזער כלי פון 'מאמינים בני מאמינים', מען זאל קענען גלייבן מיט א פארזיכערקייט אז מען גייט געהאלפן ווערן, און מען זאל באקומען נייע השגות, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (מיכה ז, טו), **כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת**, מען זאל זוכה צו די זעלבע הארה און השגות וואס איז געווען ווען די אידן זענען ארויס פון מצרים מיט ריבוי אור ודעת, ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים, בביאת משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.